# אַ האַרדע מוזיק

א

ביי אַ וואַרעמען בערגעלע פערדישע מיסט
וואַרעם איך, וואַרעם די אייזיקע הענט.
איך וואַרעם די הענט און דערביי מיך פאַרדריסט :
צו ווינציק ביז איצטער פאַרנומען, דערקענט,
די גרויסקייט פון קלײנקייט.
ס'קען טרעפן, אַז אויך
פון אַ בערגעלע מיסט אַט דער וואַרעמער הויך, —
זאָל ווערן אַ ליד אין דערהויבענער שיינקייט.

ב

מיט אַזעטיקע רגעס
באַגעגנט אין שנייוואַלד,
מוז מען זיך ראַנגלען,
פירן מלחמה,
נאָך מער ווי דער גוסס
מיט זיינע מיקראָבן.
געווינסטו —
וועלן זיי בלייבן דיין אייגנס,
אַנטפּלעקן דעם זינען פון גאָרן געראַנגל,
געבויר פון גורלות
פאַרשלאָסן אין שניי.
נאָר ווערסטו פאַרשפּילן דעם שאַרפן געפּעכט —
וועט דיך דיין אייגענער אָטעם
פאַרפרירן.

ג

אליין. פארפרוירענע לויטערע שטילקייט.
אונטער דער שטילקייט —
מיין נאקעטער גוף.
בלויז צוויי איילן ערד זענען מיינע —
די, וואו איך ליג מיט א צודעק לבנה.

איך שפיץ מיינע אויערן אן צו דערהערן
א קול פון א חבר,
א קול פון א חבר!
נאר ווי מיין עכא דערטראגט זיך פון ווייטן
מוזיק פון וועלף
אין א בלענדיקער האלבראד.

איז דאס מיר געבליבן דאס איינציק־געטרייע:
מוזיק פון וועלף —
דאס איינציק־געטרייע,
איבער וואלדיקן שניי ווי פארפרוירענע וואיען?
זאל זיין!
עס דערנענטערט זיך שטאליק און שארף
צו מיר, קעגן מיר,
א הארדע מוזיק!

אהער מיינע וועלף,
מיינע טייערע וועלף!
לאמיר ווערן חברים און טרעטן צוזאמען
קעגן פיינדלעכן מענטש, קעגן גיהנומשער קעלט.
הארדע מוזיק, —
פארנעם די וועלט!

ווילנע, זאקרעטער וואלד, דעצעמבער 1941